**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 10/6/2022 **גאווערנער קעטי האוקול**

**גאווערנער האוקול שרייבט אונטער לעגיסלאטיווע פעקל צו פארשטערקערן ניו יארק׳ס לאנד-ווערגווייזיגע מינאריטעט און פרויען-באזיצטע ביזנעס פירמע פראגראם**

***לעגיסלאציע (A.9259-A/S.3390-A) העלפט פארמיידן שווינדלעריי און באַעוולה׳ן אינערהאלב דעם מינאריטעט און פרויען-באזיצטע ביזנעס פירמעס (MWBE) פראגראם און שאפט א מסגרת פאר א פאנד צו אויספארשן און אודיט׳ען שווינדלעריי***

***לעגיסלאציע (S.6420/A.571) ערמעגליכט פאר ביזנעסער צו ניצן MWBE דעוועלאפמענט און אויסלייאונג פראגראם געלטער צו ווידער-פינאנצירן עקזיסטירנדע חובות***

***לעגיסלאציע (S.10459/A.9351) ערמעגליכט פאר ניו יארק סיטי צו שענקן קאנטראקטן אויף ביז 1 מיליאן דאלער צו MWBE פירמעס אן קיין פארמאלע פארמעסטערישע פראצעס***

***מעלדט אויך אז ניו יארק׳ס MWBE אויסניץ ראטע איז העכסטע אין דעם לאנד מיט באלד 3 ביליאן דאלער אין סטעיט קאנטראקטן געשאנקען צו MWBE ביזנעסער***

***יערליכע באריכט צו באקומען [דא]()***

גאווערנער קעטי האוקול האט היינט אונטערגעשריבן א לעגיסלאטיווע פעקל וואס וועט פארשטערקערן ניו יארק׳ס לאנד-ווערגווייזיגע פראגראם צו שטיצן מינאריטעט און פרויען-באזיצטע ביזנעס פירמעס. דער גאווערנער האט אונטערגעשריבן די נייע לעגיסלאציע אין צוזאמענהאנג מיט׳ן סטעיט׳ס 12׳טע יערליכע MWBE פארום, וואס לויפט ביז אקטאבער 7. דער גאווערנער האט אויך אויסגעמאלדן אז ניו יארק סטעיט האט איבערגעשטיגן איר ציל פאר MWBE אויסניץ אויף ניו יארק סטעיט קאנטראקטן מיט אן אויסניץ ראטע פון 30.64 פראצענט דורכאויס דעם 2022 פינאנץ-יאר, די העכסטע ראטע אין דעם לאנד פאר׳ן צווייטן יאר אין א צי. באלד 3 ביליאן דאלער אין סטעיט קאנטראקטן זענען געשאנקען געווארן צו MWBE פירמעס דורכאויס דעם 2022 פינאנץ-יאר, און קנאפע 24 ביליאן דאלער אין סטעיט קאנטראקטן זענען געשאנקען געווארן צו MWBE פירמעס זינט 2011. דאס אונטערשרייבן דעם ביל, אין צוגאב צו די כסדר׳דיגע העכערונג אין ניו יארק׳ס MWBE אויסניץ ראטע, אונטערשטרייכנדיג גאווערנער האוקול׳ס פארשפרעכונג צו שטיצן MWBE פירמעס און זיין א שטיצער פאר גרעסערע עקאנאמישע געלעגנהייט איבער׳ן גאנצן סטעיט.

״ניו יארק ציעט שטארקייט פון איר פילפארביגקייט, און עס איז א פריאריטעט פאר מיין אדמיניסטראציע צו פארזיכערן אז עקאנאמישע געלעגנהייטן זענען ארייננעמיג און יושר׳דיג לענגאויס דעם סטעיט,״ **האט גאווערנער האוקול געזאגט.** ״צוויי יאר אין א צי טוט אונזער לאנד׳ס פירנדער MWBE אויסניץ ראטע הייבט ארויס אונזער אנטשלאסנקייט צוצושטעלן די נייטיגע געצייג און הילפס-מיטלען כדי אז יעדער קען זיך אויספלאסטערן דרכים צו עקאנאמישע ערפאלג. דאס פארזעצן ניו יארק׳ס שטארקע MWBE אויסניץ

ראטע צייגט דעם סטעיט׳ס אנטשלאסנקייט צו שטיצן גרעסערע גלייכקייט פון עקאנאמישע געלעגנהייטן פאר MWBE פירמעס.״

״אדאנק גאווערנער האוקול׳ס פירערשאפט, האט ניו יארק איבערגעשטיגן אונזער אויסניץ ציל פאר דעם צווייטן יאר אין א צי און מיר וועלן פארזעצן ווייטער אראפצוברעכן מניעות און פארברייטערן געלעגנהייטן פאר MWBE פירמעס לענגאויס דעם סטעיט,״ **האט געזאגט ליוטענאנט גאווערנער דעלגאדא.** ״ניו יארק איז אנטשלאסן צוצושטעלן קריטישע הילפס-מיטלען פאר מינאריטעט און פרויען-באזיצטע ביזנעסער זיי צו העלפן מצליח זיין ווייל אונזער עקאנאמיע איז די שטערקסטע ווען עס איז פילפארביג, צוטריטליך און אריינגעמיג.״

לעגיסלאציע (A.9259-A/S.3390-A) וועט העלפן פארמיידן שווינדלעריי און באַעוולה׳ן אינערהאלב דעם MWBE פראגראם און שאפט א מסגרת פאר א פאנד וואס וועט אויספארשן און אודיט׳ען בייזוויליגע פירונג אינערהאלב דעם פראגראם. א 2014 באריכט דורך דער ניו יארק סטעיט הויכער געריכט גרענד דזשורי האט אנטפלעקט אז איבער 10 מיליאן דאלער געצילט פאר אויפריכטיגע MWBE ביזנעסער איז אנשטאט דעם געגאנגען צו שווינדלערישע נישט-MWBE ביזנעסער, באשווינדלען לעגיטימע MWBE ביזנעסער פון באקומען קאנטראקטן. די לעגיסלאציע וועט פארזיכערן די גאנצקייט פון דעם פראגראם דורך שאפן א סטעיט MWBE רשימה, העכערן שטראף-אפצאל פאר שווינדלעריי, און אוועקשטעלן א MWBE פאנד אויסצופארשן בייזוויליגע פירונג.

**סטעיט סענאטאר דזשאמאל בעילי האט געזאגט,** ״איך גלייב אין דער מאכט פון מינאריטעט און פרויען-באזיצטע ביזנעסער אויף צו פארמאכן די עשירות חסרון, מאכן מער פילפארביג אונזער עקאנאמיע, און שאפן א בליענדער צוקונפט פאר אונזערע קאמיוניטיס לענגאויס דעם סטעיט. סענאט ביל 3390S שטעלט אוועק באשיצונגען פאר די מינאריטעט און פרויען-באזיצטע ביזנעס פירמע פראגראם אויף צו פארמיידן שווינדלעריי און אביוז. דער ביל וועט פארשטערקערן דעם מינאריטעט און פרויען-באזיצטע ביזנעס פירמע פאנד און פארזיכערן אז דער פאנד ווערט געפירט יושר׳דיג און אירע געלעגנהייטן בלייבן צוטריטליך צו די ביזנעסער אין ניו יארק. איך וויל דאנקען גאווערנער קעטי האוקול, סענאט מאיאריטעט פירער אנדרעא סטוערט-קאזינס, ספיקער קארל היעסטי, אסעמבלי ספאנסירער מאיאריטעט פירער קריסטאל פעאפלעס-סטאוקס, און מיינע קאלעגעס איןביידע לעגיסלאטיווע הייזער פאר׳ן שטיצן די לעגיסלאציע צו עפענען טירן פאר ענטרעפענורן וואס זענען פרויען און מענטשן פון קאליר לענגאויס דעם סטעיט.״

**אסעמבלי מאיאריטעט פירער קריסטאל די. פעאפלעס-סטאוקס האט געזאגט,** ״איך בין שטאלץ איבער ניו יארק סטעיט׳ס לאנד-וועגווייזיגע MWBE ביזנעס אויסניץ ראטע. פארזיכערן די גאנצקייט פון דעם MWBE פראגראם איז פון די העכסטע וויכטיגקייט, און איך אפלאדיר גאווערנער האוקול פאר׳ן אונטערשרייבן די לעגיסלאציע וואס וועט העלפן מינימיזירן MWBE שווינדלעריי, צושטעלן מער דורכזעעדיגקייט און צושטעלן געלעגנהייטן פאר באשטעטיגטע MWBE ביזנעסער.״

לעגיסלאציע (A.6420/S.571) וועט ערמעגליכן פאר ביזנעסער צו ניצן געלטער פון דעם מינאריטעט און פרויען-באזיצטע ביזנעס דעוועלאפמענט און אויסלייאונג פראגראם צו ווידער-פינאנצירן עקזיסטירנדע חובות. פאר פילע ביזנעס אייגנטימער, זענען קאמערשעל קרעדיט קארטלעך די ערשטע און איינציגסטע מיטלען אויף צו באקומען קרעדיט, וואס פיל מאל באדייט עס הויכע אינטערעסט-ראטעס אויף חובות. ערלויבן פאר ביזנעסער צו ווידער-פינאנצירן יענע חובות אונטער איינע פון דעם סטעיט׳ס עקזיסטירנדע מייקרא-הלוואה פראגראמען קען רעדוצירן אינטערעסט באצאלונגען אויף אזוי ווייניג ווי 1,200, שפארנדיג דער ביזנעס באלד 3,000 דאלער א יאר.

**סטעיט סענאטאר דזשעימס סענדערס דזשר. האט געזאגט,** ״די בילס אונטערגעשריבן דורכ׳ן גאווערנער וועט שטיצן און פארשטערקערן מינאריטעט און פרויען-באזיצטע ביזנעס פירמעס דורך העכערן געלעגנהייטן פאר זיי צו שטייגן. אזוי ווי מיר ציען זיך אריבער צו א נאך-קאָוויד׳יגע תקופה, וועט די ניו יארקער עקאנאמיע שטארק בענעפיטירן פון פעסטע MWBE פירמעס ביישטייערנדיג צו דזשאב שאפונג און עקאנאמישע אויפשטייג.״

**אסעמבלי-מיטגליד ראדנעיסע בישאט הערמאלין האט געזאגט,** ״עס איז מיר א כבוד צו זען מיינע צוויי ספאנסירטע בילס (A.6420/S.571) און (A.10459/S.9351) וואס פארברייטערט געלעגנהייטן פאר MWBE פירמעס וועט ווערן דאס געזעץ. דורך ערלויבן ביזנעסער צו ניצן MWBE ביזנעס דעוועלאפמענט און אויסבארג פראגראמען צו ווידער-פינאנצירן עקזיסטירנדע חובות און דורך ערמעגליכן פאר ניו יארק סיטי צו שענקן קאנטראקטן ביז 1 מיליאן דאלער צו MWBE ביזנעסער אן קיין פארמאלע פארמעסטערישע פראצעס, נעמען מיר צוויי מאנומענטאלע שריטן צו גלייכבארעכטיגקייט פאר MWBE ביזנעסער און ברעכן מניעות וועלכע ערמעגליכן פאר זיי צו באקומען זייער יושר׳דיגער חלק פון דער עקאנאמיע. איך דאנק גאווערנער האוקול און די סטעיט לעגיסלאטור פאר׳ן דורכפירן א לעגיסלאטיווע פעקל וואס וועט געבן MWBE פירמעס די געלעגנהייטן וואס זיי דארפן האבן און וואס עס קומט זיך זיי מצליח צו זיין מיט יושר. יעצט וועלן MWBE פירמעס נישט געשטערט ווערן דורך ווידער-פינאנצירונג פראבלעמען און פארמעסטערישע פראצעס מניעות פון וועלכע זיי האבן געטראגן אן אומ׳יושר׳דיגע לאסט. די לעצטע דאטא ווייזט אז ניו יארק פירט דעם לאנד אין איר MWBE אויסניץ ראטע, און אז מיר זענען אומערמידליך אנטשלאסן צו אויסגלייכן דעם שפיל-פעלד און שאפן גלייכע עקאנאמישע געלעגנהייטן פאר יעדן.״

לעגיסלאציע (A.10459/S.9351) וועט געבן אויטאריזירונג פאר דער שטאט ניו יארק אויף צו העכערן אויסטיילונג סומעס צו MBWE׳ס פאר נישט-פארמעסטערישע קאנטראקטן פון 500,000 דאלער אויף 1 מיליאן דאלער. די שטאט האט אונטערגענומען פילע באמיאונגען צו אדרעסירן אזעלכע דיסקרימינאציע, אריינגערעכנט שטעלן סובקאנטראקטאר צילן פאר MWBE פירמעס, און פריער, האבן שטאט אגענטורן געקענט קאנטראקטירן MWBE פירמעס פאר קאנטראקטן נישט צו איבערשטייגן 500,000 דאלער פון MWBE פירמעס אן א עמטליכע פארמעסטערישע פראצעס. דאס נייע געזעץ וועט ערמעגליכן פאר דער שטאט צו העכערן די איינשאפונג שוועל אויף 1 מיליאן דאלער, וואס וועט פארבעסערן צוטריט צו קאפיטאל פאר MWBE פירמעס זוכנדיג אריינצוגיין אין שטאט קאנטראקטן. די לעגיסלאציע איז געווען א שטאט פראגראם ביל וואס איז אפירגעברענגט געווארן דורך ניו יארק סיטי מעיאר עריק אדאמס.

**ניו יארק סיטי מעיאר עריק אדאמס האט געזאגט,** ״היינט איז א באדייטנדע געווינס פאר מינאריטעט און פרויען-באזיצטע ביזנעסער אין ניו יארק סיטי, ווי אויך שווארצע און ברוינע קאמיוניטיס לענגאויס דעם סטעיט. דורך העכערן די איינזעעניש שוועל אויף שטאט קאנטראקטן פאר MWBE׳ס אויף 1 מיליאן דאלער, מאכן מיר גלייכער דעם שפיל פעלד פאר ניו יארקער פון פילפארביגע הינטערגרונדן — ערמעגליכנדיג פאר אונז צו בויען א מער יושר׳דיגע און גלייכבארעכטיגטע צוקונפט. אונזערע MWBE׳ס האבן געליטן דורך דער פאנדעמיע פון נידעריגע ראטעס פון שאפן ביזנעסער און באשעפטיגונג אויפבלי, אין צוגאב צו א שווערע אויפשטייג אין ביזנעס פארשליסונגען. היינט ווייזן מיר אונזערע MWBE׳ס אז מיר שטייען זיי צו שטיצן. איך וויל דאנקען גאווערנער האוקול פאר איר איבערגעגעבנקייט צו MWBE פירמעס און אונזערע צוזאמארבעטער אין דער לעגיסלאטור וועלכע האבן געהאלפן טרייבן אונזער עקאנאמישע ערהוילונג, און גלייכצייטיג א פילע-דורות׳דיגע שוועריגקייט איינגעווארצלט אין היסטארישע אומגלייכקייטן.״

די טעמע פאר׳ן 12׳טן יערליכן MWBE ביזנעס פארום איז צו ״בויען אן גלייכבארעכטיגטע צוקונפט״ וואס הייבט ארויס ניו יארק סטעיט׳ס שטיצע פון MWBE ביזנעסער צו ווערן מער פארמעסטעריש אין א כסדר-ענדרנדע מארקעט. דער היי-יעריגער הייבריד פארום טוט אנבאטן פערזענליכע צוזאמקונפטן ווי אויך

אנליין סעסיעס וועלכע ברענגען צוזאם MWBE ביזנעסער, סטעיט אגענטורן און אויטאריטעטן, הויפט קאנטראקטארן, און אנדערע סטראטעגישע צוזאמארבעטער פאר אינפארמאציאנעלע און נעטוואָרקינג געלעגנהייטן.

**ניו יארק סטעיט הויפט דעווערסיטעט באאמטע דזשוליסע גוטיערעז האט געזאגט,** ״ניו יארק בויט א גלייכבארעכטיגטע צוקונפט פאר ענטרעפענורס וואס זענען פרויען און מענטשן פון קאליר דורך אויסגלייכן דעם שפיל-פעלד אויף צו פארזיכערן עקאנאמישע באפולמעכטיגונג און קאנטראקטירונג געלעגנהייטן. אונטער גאווערנער האוקול׳ס פירערשאפט, פירן מיר דעם וועג אין מאכן אונזער עקאנאמיע מער אריינגעמיג און פעסטער אוועקגעשטעלט, אפצושפיגלענדיג די מערקווירדיגע פילפארביגקייט פון ניו יארק סטעיט.״

**׳עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט׳ פרעזידענטקע, CEO און קאמיסיאנערין האופ נייט האט געזאגט,** ״אונטער גאווערנער האוקול׳ס פירערשאפט, ווערט ניו יארק׳ס איבערגעגעבנקייט צו גלייכבארעכטיגטע געלעגנהייטן פאר MWBE פירמעס געצייגט דורך אונזער MWBE אויסניץ ראטע — וואס האט איבערגעשטיגן אונזער ציל פאר צוויי יאר אין א צי. מיר וועלן פארזעצן ווייטער צוצושטעלן MWBE פירמעס מיט די הילפס-מיטלען וואס זיי דארפן האבן אויף מצליח צו זיין און בליען אין דעם עמפייער סטעיט.״

די דיוויזיע פון מינאריטעט און פרויען׳ס ביזנעס דעוועלאפמענט (DMWBD) אדוואקירט פאר גלייכקייט אין עקאנאמישע געלעגנהייטן פאר MWBE פירמעס און פאר׳ן עלימינירן מניעות צו זייער אנטיילנעמונג אין סטעיט קאנטראקטן. שוין איבער 20 יאר האט דער DMWBD געליפערט באשטעטיגונג און ביזנעס דעוועלאפמענט סערוויסעס צו דער MWBE ביזנעס קאמיוניטי צו פארזיכערן אז זיי האבן די מיטלען וואס זיי דארפן האבן אויף צו שטייגן, מצליח זיין און בליען אין ניו יארק סטעיט, און דער DMWBD האט געפירט און געשטיצט ניו יארק סטעיט אגענטורן און אויטאריטעטן אין זייערע באמיאונגען צו פארזיכערן א גרעסערע מאס אריינגעמיגקייט פון MWBE ביזנעסער אין סטעיט קאנטראקטירונג געלעגנהייטן.

**׳עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט׳ דיוויזיע פון מינאריטעט און פרויען׳ס ביזנעס דעוועלאפמענט עקזעקיוטיוו וויצע פרעזידענט און עקזעקיוטיוו דירעקטאר דזשערראום עי. דואוואל האט געזאגט,** ״אונזער סטעיט׳ס אנטשלאסנקייט צו שטיצן מער גלייכבארעכטיגקייט פון עקאנאמישע געלעגנהייטן פאר אונזער פילפארביגער, המצאה׳דיגער, און לעבהאפטער MWBE ביזנעס קאמיוניטי האט געהאלפן אונזער סטעיט נישט בלויז איבערקומען די שוועריגקייטן פון פינאנץ-יאר 2021-22 אריינגערעכנט די אנגייענדע קאָוויד-19 פאנדעמיע, נאר אויך צוריקצובויען בעסער פון אלעמאל. מיר זענען דערהייטערט פאר׳ן קומענדיגן יאר, אזוי ווי די דיוויזיע זעצט פאר ווייטער צו שטיצן גאווערנער האוקול׳ס בליק פארצוזעצן ווייטער דאס אינוועסטירן אין ניו יארק׳ס MWBE פירמעס און זיי העלפן שטייגן דורך באפולמעכטיגונג פראגראמען, אינוועסטירונגען אין בעסערע סערוויסעס און פארברייטערטע סערוויסעס וועלכע העלפן דאס אויפשטייגן פילע-דורות׳דיג עשירות.״

**ניו יארק פּאַווער אויטאָריטעט צווישנצייטיגע פרעזידענט און CEO דזשאסטין אי. דריסקאל האט געזאגט, ״ביי** NYPA אנערקענען מיר די אויסגעצייכנטע ביישטייערונגען וואס MWBE פירמעס מאכן אין בויען ניו יארק׳ס ריינע ענערגיע עקאנאמיע. NYPA טוט אקטיוו פארשטערקערן אירע באציאונגען מיט פילפארביגע ביזנעסער דורך טרענירונג סעסיעס, פארבינדונגען און נייע סופלייער פילפארביגקייט פראגראמען. מיר זענען אנטשלאסן צוצושטעלן פאר MWBE פירמעס די טרענירונג און בילדונג וואס זיי דארפן האבן אויף צו מאכן וואקסן זייערע פעאיגקייטן און גועניטשאפטן. אינאיינעם וועלן מיר גרינגער מאכן צו ערפילן NYPA און קאנאל קארפארעישען קאנטראקטן מיט קוואליפיצירטע, דינאמישע MWBE פירמעס.״

**דארמיטארי אויטאריטעט פון דעם סטעיט ניו יארק פרעזידענט און CEO רובען מעקדעניעל דער דריטער האט געזאגט,** ״מיר זענען דאנקבאר פאר גאווערנער האוקול׳ס פירערשאפט אין שטיצן און שטערקער מאכן ניו יארק׳ס איבערגעגעבנקייט צו שאפן געלעגנהייטן פאר אלע ניו יארקער, איבערהויפט מינאריטעטן און פרויען-באזיצטע ביזנעסער. DASNY שטאלצירט זיך מיט אונזערע ביישטייערונגען צו פארזיכערן אז סטעיט קאנטראקטארן וועלכע זענען נייטיג אויף צו שטערקער מאכן ניו יארק׳ס עקאנאמיע און בויען לאנג-אנהאלטנדע אינפראסטרוקטור שפיגלט אפ די ריזיגע מאס פילפארביגקייט פון ניו יארק סטעיט׳ס באפעלקערונג. די לעגיסלאציע וועט העלפן די אויפשטייגנדע ביזנעסער בענעפיטירן פון פובליק סעקטאר קאנטראקטירונג געלעגנהייטן וואס קען זיין אזוי נייטיג פאר׳ן וואוקס פון די ביזנעסער.״

ESD׳ס דיוויזיע פון מינאריטעט און פרויען׳ס ביזנעס אנטוויקלונג האט אויך ארויסגעגעבן איר יערליכע באריכט פאר׳ן 2022 פינאנץ-יאר. דורכאויס דעם פינאנץ-יאר, האט ניו יארק דערגרייכט די העכסטע מאס באשטעטיגטע MWBE ביזנעסער אין די געשיכטע פונעם סטעיט, מיט איבער 9,700 באשטעטיגע פירמעס, און דער סטעיט האט געהעכערט ראיאנישע פארבינדונגען און שטיצע צו פארברייטערן די ארבעט און אנוועזנהייט פון MWBE ביזנעסער לענגאויס אלע סטעיט ראיאנען. דער באריכט שטעלט פאר די היסטאריש דערגרייכונגען און הצלחות געמאכט דורך ניו יארק סטעיט צו שטיצן MWBE פירמעס איבער׳ן פארלאפענעם יאר און דורכאויס די היסטאריע. דער פולער באריכט קען מען געפונען [דא](#).

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418